1078


# וועד לחיזוק הדת־וועד לשמירת שבת

**1303 53rd St. P.M.B. #245 Brooklyn, NY 11219**

(718) 670-7048


# אינו דומה שמיעה לראיה

די לעצטע צוויי וואכען זענען מיר געווען אביסל באזארגט, ווייל די מתירי העירוב האבן מפרסם געווען א טעיפ פון הגאון ר' אביגדור מיללער (#E232), ווי ער זאגט קלאר (ביי א שיעור ברבים, במעמד 200 אידען) אז ער האט קיין שום מיינונג נישט לגבי עירוב, און אז ער האט נאך קיינמאהל נישט געחתמ'ט אויף אן איסור, און די חתימה וואס מען זעהט איז פאלש ובלשונו:

"I said noting about the עירוב I have no opinion at all, for or against,

The חתימה is False, I didn't sign it, I never signed it!"

אזוי אויך האבן די מתירי העירוב א טעיפ פון הרב פאם שליט"א ווי ער זאגט קלאר אז ער האט נישט גע'חתמט די פלעטבושער קול קורא פון ר"ח ניסן תש"ס, ווי אויך א בריוו פון הרב גארנישט, און נאך 6 רבנים, (וואס הגם פאר אונז איז קיין סאך נישט נוגע דעם דעת פון די פלעטבושער אגודה'סטישע רמ"ם, ווייל "דתיהם שונות" כידוע).

ע"כ בואו ונחזיק טובה להר"ר משה וויסמאן נ"י ולנפתלי שפיגעל וואס זיי, מיט זייער פארגאנגענער רייכער עקספיריענס האבן בחכמתם הגדולה באוויזען "לעשות מה שעשו" ותשואות חן חן להם, וזכות הרבים תלוי בהם.

<u>אינו דומה שמיעה לראיה</u> בעטן מיר אלע אונזערע תמימות'דיגע אידען, זאלן ווייטער מקיים זיין "תמים תהיה", נישט גלייבן קיין טעיפ'ס, נאר חתימות, און נישט מהרהר זיין און זיך איבערקלוגען צובעטן דעם ארגענאלם כתב יד, ווייל ס'איז שוין אנגענומען אז מ'קען זיך פארלאזן אויף קאפיעס, ובפרט ווען זיי זענען געדרוקט געווארן אין צייטונגען.

למען האמת

וועד לשמירת שבת